# THE SHEPHERD OF ISRAEL

ENGLISH DEPARTMENT

50 CENTS A YEAR SUBSCRIPTION PRICE — Published Monthly by the Williamsburgh Mission to the Jews, 27 Throop Avenue, Brooklyn, N. Y. — MAY, 1925. VOL. VI No. 9.


## A HARD QUESTION

The following query has been put to us in a letter by Mr. J. Green.

"You state in your paper that the Christian faith is the true religion which all Jews should accept. I want you to give me a full explanation on the pogroms carried on by Christians against the Jews. I myself was in Russia and saw a crowd of Christians with their priest holding a Cross in his hand at the head of them. They killed Jewish men, women and children in a most cruel manner. I barely escaped with my life but I can never forget the sight of that angry mob and the priest with his cross lifted high above his head. Isn't the cross the Christian religion? How can you say that that is the true religion?"

Answer. In the first place carrying the Cross does not make one a Christian. The very fact that they commit murder excludes them at once from the Christian fold. Let me first tell you that the word Christian means one who follows Christ. The word Christ again means in our Hebrew language Moshiach. Thus a Christian means one who believes in and follows our Moshiach who is no other person than the Lord Jesus in whom have been fulfilled all the promises and prophecies of God concerning the first coming of Moshiach or Messiah. It is therefore self-evident that the spirit of murder or hatred or of any such thing in a person is the strongest proof that that person does not follow the Lord Jesus Christ according to His words and teaching as contained in the New Testament. There we find that His commandment to His followers was to love even their enemies. He not only taught His followers by word of teaching but Himself lived it and exemplified that doctrine by His own practice. Read if you please the account of His death on the Roman Cross when He was suspended on and nailed to the tree, the blood trickling thru the pierced tendons and being in death agony from the cruel crucifixion, He yet uttered those wonderful words "Father, forgive them, for they know not what they do." Luke 23:34. If He had not offered that prayer it is reasonable to believe that not one creature would have been left alive in Jerusalem. Was not that an example of love for people who believe in Him to follow?

There have been and still are multitudes of people who go by the name Christian but have not manifested the spirit of Christ in their lives and dealing with other people. The reason for it is to be found in the people's ignorance of the Bible. They follow blindly their priests, somewhat similar to the Jews who follow blindly their rabbis. Neither the former nor the latter have studied the Bible which is the Word of God so as to form an adequate conception of God's demand and requirement of us sinners to do in order to obtain pardon for our transgressions.

But why should we dwell on the dark side of the so-called Christian religion and not take any notice of the bright side which shines forth most wonderfully from the lives of real Christians who do follow the teaching of the Lord Jesus Christ? Take for instance the many cases of Christians even in dark Russia, sheltering persecuted Jews at the risk of their own lives, from the pogrom makers, so you see that even in that gross darkness there was a beam of light coming to our persecuted Jewish brethren there as a result of the life and death and resurrection of the Lord Jesus Christ. Again consider America whose constitution was instituted by noble men who followed the Lord Jesus Christ. Under that influence we Jews have been not only admitted into this glorious country but also given equal rights, and liberty and freedom without any persecution or prejudice. England is another illustration along this line. Wherever you will go in this wide world you will always find some true followers of the Lord Jesus Christ who are worthy of the name Christian.

On the other hand why should we Jews always make complaints of the evil that has befallen our people, a thing which has been sent upon us by God because of our sin against Him, and why not confess that God is right and we and our fathers have been wrong. Read please Lev. 26, and Deut. 28. There you will find that God has warned us thru Moses that our people would be persecuted by all nations of the world. He tells us there that we should be not only hated by all peoples on earth among whom God said that He would scatter us but also be robbed and murdered. The object of God's punishment upon us as a people is stated in the following words. "That they shall confess their iniquity and the iniquity of their fathers which they trespassed against me, and that also they have walked contrary unto me; — Then will I remember my covenant with Jacob, and also my covenant with Isaac, and also my covenant with Abraham will I remember; and I will remember the land". Lev. 26:40-42. Read the prophet Jeremiah, the 19th, 23rd and 25th chapters and you will see that God not only said it thru Moses but also reiterated it thru later prophets that all peoples will hate and persecute our people all over the world. God will certainly punish all those persecutors as also He has done in the past because God pays every one for his work, good for good works and evil for evil doings. Nevertheless suffering must come upon us be it through the agency of nominal Christians, Mohammedans or heathen. Did not Egypt, Babylon and Greece hate and cruelly persecute our disobedient people long before Christianity came into existence? Therefore we Jews should not be surprised at the inhuman attitude of the different nations towards us. It is God who is dealing thus with us. He has permitted our persecutors to trouble our people and we have to go to Him in prayer and supplication and meditation upon His Word in order for us to find out what God demands of us. The wrong is on our side and we have to search the scriptures to find out the cause of the separation between us and our God.

When our fathers practiced idolatry God punished them by delivering the whole nation into the hands of the Babylonians. There they were 70 years in captivity. Since then our people never again committed that terrible sin of worshipping idols. They were carrying out the different commandments in a most careful manner. They did even more than was required of them. Yet God has scattered our people all over the world and has left us strangers and wanderers for nearly 2000 years. Now the question is what sin have we as a people committed that we have to suffer so long. We Jews are no worse than any other people on the earth. We make more and longer prayers. We fast more, we give more alms than any other people. That is at least what we Jews boast of. We produce less murderers, less highway robbers and less drunkards than any other nation. Granted it is all true, yet the question grows stronger, why has God permitted all those calamities to come upon us during the past 2000 years.

Referring to the quotation mentioned above from Lev. 26 "that they shall confess their iniquity and the iniquity of their fathers," we see that God has charged us with a sin which both the fathers and their succeeding generations have committed. Now what is it? God does not punish the children for the sins of their fathers, Ezek. 18. But this particular sin which God wants us to confess both for ourselves and as for our fathers evidently points to our sin of rejecting our Saviour the Lord Jesus Christ. In this crime we are following in the footsteps of our fathers. This is our national sin and of this we have to repent and God will then have mercy upon our people and redeem them from all their troubles. Thus our acceptance of the Lord Jesus Christ as our Saviour from our sins will reconcile us and reunite us with our God and then we will be true Jews, true sons of Abraham who also was made righteous by faith alone.

בעלתי בם נאם ד׳ כי זאת הברית אשר אכרת את בית ישראל אחרי הימים ההם נתתי את תורתי בקרבם ועל לבם אכתבנה והייתי להם לאלהים והמה יהיו לי לעם. ולא ילמדו עוד איש את רעהו ואיש את אחיו לאמר דעו את ד׳ כי כולם ידעו אותי למקטנם ועד גדולם נאם ד׳ כי אסלח לעונם ולחטאתם לא אזכר עוד״:

ווי איהר זעהט ליעבער לעזער, איז דארט שטארק בעטאהנט די צוויי פונקטען ״ברית חדשה״ און ״סליחת עונות״ וועלכע זיינען די סימפטאמען אויסצוגעפינען אז דאס מיינט מען ישוע המשיח וועלכער האט געמאכט א ברית חדשה און געגעבען זיין בלוט פאר א קרבן כדי פאר אונז צו באקומען סליחת חטאים.

דארט הייסט עס אויך, אז אונטער דעם ברית חדשה וועט מען ניט דארפען מעהר צו באלעהרען איינער דעם אנדערן, מ׳וועט ניט מעהר דארפען אבהאלטען אספות ביי ארטאקסען אום צו באלעהרען די אידען אין תל־אביב. ווייל דורך דער אמונה אין ישוע המשיח ווערט גאטעס ווארט איינגעקריצט אין מענשליכען הערץ ״ועל לבם אכתבנה״, און ״כולם ידעו אותי״.

אין די אלטע צייטען פלעגט מען ארויפקלעפען פאפירענע לייבעלס אויף באטעלס אנצייגענדיג דעם אינהאלט וואס איז אין דער פלאש. ווען דאס פאפירענע לייבעל איז אבער נאס געווארען איז עס אין גאנצען ארונטער געפאלען האט מען ווידער ניט געוואוסט דעם אינהאלט דערפון. איז מען געפאלען אויף א טייערער המצאה, נעמליך, מ׳פאבריצירט אינעווייניג פון׳ם גלאז פון׳ם פלעשל די ווערטער אנאנסירענדיג דעם אינהאלט דערפון, וועלכעס ווערט קיינמאל ניט אפגעמעקט אדער צולאזען פון וואסער. אויף אזא ארט האט גאט ב״ה געוואלט טהון מיט׳ן אידישען פאלק. צוערשט האט ער זיי געגעבען א תורה ״על שני לחות אבנים״ און איצטער איז עס אויף פארמעט, אבער וואס פאר א נוץ? אידען צוברעכען און צופיצלען דאך דאס אויף שטיק שטיקלעך, ניט אזוי? דא האט גאט ב״ה פערזוכט דעם נייעם פלאן, ״ועל לבם אכתבנה״, ניט אנהענגען פון דרויסען א פאפירען צעטעלע נייערט איינקריצען אין הערצען פון וואו עס קאן קיימאל ניט ארויסגענומען ווערען, נעמליך דורך׳ן הייליגען משיח.

אט צוליעב דעם זאגט גאט ב״ה: ״תנה בני לבך לי״, ווייל ער וויל די אמונה אין ישוע המשיח אונז אין הערצען איינקריצען עס זאל דארט פערבלייבען לדורי דורות, און ס׳וועט במילא זיין שלום על ישראל אהנע אירגענד וועלכע מחלוקות.

---

## גרויסע אידען

דאס בילד שטעלט פאר דעם גרויסען איד רעוו. מ. רובין, פון פיטסבורג, פא.

מר׳ רובין איז געבוירען און אויפגעצויגען געווארען אין דייטשלאנד ביי זעהר פארנעהמע עלטערן וועלכע האבען גענומען דעם ״אויבען־אן״ אין דער אידישער סאסייטי. זיין פאטער איז געוועזען א גרויסער געשעפטסמאן און האט אויך זיין זוהן פאר אזאלכען געמאכט.

האבענדיג א ברודער דא אין אמעריקא, אויך א ביזנעסמאן, איז אונזער גרויסער איד איהם אמאל געקומען באזוכען און איז שוין אין איין וועגס אויך דא פערבליבען א תושב, און איז מיט זיין ברודער צוזאם געגאנגען אין ביזנעס, אין א גרויסען דעפארטמענט סטאר אין פיטסבורג, פא.

אין א געוויסען טאג ווען דער יונגער רובין איז פון ביזנעס אהיים געגאנגען האט ער געזעהן



רעוו׳ מ׳ רובין

א רעדל מיט מענשען שטעהן אויף א סטריט קארנער און איינער האט עפעס דארט גע׳דרש׳ענט. געוועהנליך איז ער אויך צוגעגאנגען הערען. די דרשה איז געוועזען וועגען ישוע המשיח, וועלכער האט געזאגט: ״כי מה בצע לאיש אם יקנה לו את כל הארץ ונפשו תכרת לו או מה יתן איש פדיון נפשו״. (מתתיהו ט״ז, 26) ד״ה, וואס וועט עס דען דעם מענש העלפען ווען ער וועט געווינען די גאנצע וועלט און ער וועט אבער פערלירען זיין נשמה, אדער וואס וועט דער מענש געבען אויסצולעזען זיין נשמה?

אט דיעזע ווערטער זיינען איהם טיעף אין דער נשמה אריין. יא, טאקע, וואס פאר א נוץ האט דער מענש גאר פון אלע פארמעגענס אין דער וועלט וואס איז נור פאר געצעהלטע פאר יאהר און סוף כל סוף מוז ער אלעס צוריק לאזען, און די נשמה וועט גאר ניט האבען דערפון און חלילה דארפען פערלוירען געהן לנצח נצחים. און מ׳שטיינס געזאגט, וואס קען דען דער מענש גאר אויפטהון כדי זיין נשמה אויסצולעזען פון דעם אייביגען טויט? אונזערע מעשים טובים ־ זאגט דער נביא ־ זיינען ניט מעהר ווי ״בגד עדים״, א פארפוילטעס קלייד. (ישעיה ס״ד) אויף אונזער דאווענען זאגט גאט ״גם כי תרבו תפלה אינני שמע״ (ישעיה א) אונזער פאסטען וויל גאט ניט אמאל בעטראכטען (ישעיה נ״ה) אלזא וואס דען קען דער מענש טהון פאר זיין נשמה אום זי אויסצולעזען פון אייביגען טויט אזוי ווי עס הייסט ״ונפש החטאת תמות״? אדרבא וואס?

דאס דארף יעדער ערנסטער איד זיך פרעגען און דאס האט אויך אונזער גרויסער איד זיך דאמאלס געפרעגט. די אנטווארט דרויף האט ער אבער באלד געהערט טאקע פון יענעם בעל ה׳ש׳ן גופא ווען יענער האט ציטירט א שטעלע פון תנ״ך: ״בדעתו יצדיק צדיק עבדי לרבים ועונתם הוא יסבל״. (ישעיה נ״ג) ד״ה, דער משיח וואס איז א צדיק וועט גערעכט מאכען אנדערע ווייל ער האט געליטען זייערע זינד. אלעס וואס מיר ברויכען, איז, אין דעם משיח צו גלויבען און דאס דם המשיח וועט שוין מכפר זיין פאר אלע אונזערע זינד.

דאס האט אונזער גרויסער איד בארוהיגט און נאך א קורצער צייט שטודירענדיג דאס תנ״ך מיט דעם ברית חדשה, האט ער איינגעזעהן דעם אמת דריין און האט עפענטליך באקענט ישוע אלס זיין משיח און קרבן פאר זיינע זינד.

דאכציך שוין גוט, ניט אזוי? אבער.... דער שטן איז זעהר ברוגז געווארען אויף איהם דערפאר, און האט אונטערגעשטופט זיין אייגענעם ברודער אז ער זאל איהם דערפאר אויסטיילען אביסעל צרות. דער צאצקעדיגער ברודער, איז געווארען איש להבה, און האט א געמיינעם בלבול אויסגעטראכט אז בכן, זיין יונגערער ברודער איז משוגע געווארען, און ער האט איהם אריין געגעבען אין אן אסיילום פאר משוגע׳נע. עס האבען זיך אבער באלד אריינגעמישט מענשען מיט שכל און ישרנות, דארונטער אויך א קריסטליכער ביזנעסמאן מיט׳ן נאמען מר׳ קארי, און מ׳האט איהם פון דארט ארויס גענומען.

דורך דיעזע שענדליכע ליידען איז אבער מר׳ רובין ביי זיך גאר ניט געווען געפאלען, וויסענדיג אז אלע גרויסע אידען האבען געמוזט פיעל ליידען פון זייערע אייגענע ברידער למען האמת והצדק. יא אזוי האבען אלע אונזערע נביאים געליטען און פיעל מעהר האט ישוע המשיח גופא געליטען און ליידעט נאך עד היום פון אייגענע ברידער וואס זיינען פארפיהרט פון שטן המשחית.

אזוי ווי דאס וואלט נאך ניט גענוג געוועזען האט דער שטן אויך צוגערעדט מר׳ רובין׳ס פרוי אז זי זאל איהר מאן אוועקווארפען צוליעב זיין גלויבען אין ישוע המשיח, און זי האט איהם טאקע דערפאר אבגע׳גט. אמת, דאס איז איהם געוועזען א ריס אין הערצען ווייל ער האט זיין פרוי זעהר געליעבט, אבער זיין נשמה איז געבליבען גאנץ וויסענדיג אז, ווען אויך די גאנצע וועלט זאל איהם דערפאר האסען אבער דער בעסטער פריינד ישוע המשיח וועט איהם קיינמאל ניט פערלאזען.

און אט זעהען מיר גאטס וואונדער. גאט האט זיין ארבייט רייכליך געבענשט. פיעלע אידען האבען דורך איהם אנגענומען דעם משיח פאר א קרבן פאר זייערע זינד און זיינען געווארען בני אל חי דרונטער אויך זיין אייגענע פרוי וועלכע האט איהם געהאט אוועק געווארפען צוליעב זיין גלויבען, איצט האט זי אליין אנגעהויבען אין משיח צו גלויבען און האט מיט שמחה צוריק געהייראט איהר געטרייער מאן מר׳ רובין.

מר׳ רובין איז געווען דער סופעראינטענדענט פון דער גרויסער אידישער מיסיאן אין פיטסבורג ביז זיין לעצטער שטונדע. ערשט איינינע מאנאטען אז ער איז ארויף צו זיין משיח און גואל צו עמפפאנגען די קרוין פון גערעכטיגקייט אלס זיין שכר פאר זיין אמונה און פאר זיין טרייער ארבייט פאר דעם מלכות השמים. יהא זכרונו ברוך.

פראגע פון א קורצער צייט, מעגליך נור פון געצעהלטע מאנאטען אדער טעג. און אט דיעזע מאנאטען אדער טעג צעהלען מיר אוןווארטען אויף זיין קומען.

## די שרעקליכע טארנאדא

איידער דער עולם האט נאך פארגעסען די גרויסע ערד־ציטערנים וואס האט ניט לאנג צוריק פאסירט אין אמעריקא, איז שוין אנגעקומען די שרעקליכע נייעס, אז א ווילדער שטורם - וואס מ'רופט אין ענגליש "טארנאדא" - האט פלוצים אויסגעבראכען אין שטאאט איללינאי, וועלכער האט חרוב געמאכט טויזענדער הייזער און געטויט הונדערטער מענשען.

וואס זאל דאס אייגענטליך בעדייטען אז דיעזע נאטור־עלעמענטען האבען זיך עפעס אזוי צושפיעלט און האבען זיך פ.,, אירגענד־וואו אבגעריסען, און אנגעהויבען צו יושען און בושעווען אזוי ווי גלייך עס וואלטען זיך צוזאמען געקומען א מחנה מיט מלאכי חבלה און פערניכטען רעכטס און לינקס, ניט שאנעווען אפילו הויך געבילדעטע מענשען, ווי סייענטיסט שטערען־זעהער נאטור־פארשער און גרויסע ערפינדער. עפעס צייגט זיך אז יענע כחות האבען גאר קיין דרך ארץ פאר אונזערע פארטגעשריטענע און וויסענשאפטליכע וועלט. עס זעהט עפעס אויס ווי גלייך זיי זאלען עפעס רעדען צו אונזערע פילאזאפען און חקרנים זאגענדיג:

"איהר האלט אייך אזוי בגדול'דיג איהר גרויסע מענשעלעך. איהר מיינט אז איהר דארפט גאר ניט מעהר דעם רבונו של עולם. איהר פליהט אין די לופט און באריהמט אייך אז איהר האט די נאטור אין אייערע הענד. לאמיר אקארשט זעהן אויב איהר קענט אייך העלפען געגען א שטורעמל וואס גאט האט ערלויבט אז עס זאל זיך פאנאנדער לאזען און אייך אננעמען ביים גארגעל..."

יא, אזוי זעהט עפעס אויס אז גאט רעדט דורך זיין נאטור צו דיעזע אויפגעבלאזענע און נאטלויזע זויגנאנטע חכמים. מ'שטרעבט נור נאך געלד, און דוקא אסאך געלד. מ'לויפט טאג און נאכט נאך פערגעניגענס, וועלענדיג דעם צווייטען איבערלויפען. מ'בויעט פאלאצען עפעס אזוי ווי דאס דור הפלגה האט געטהון "וראשו מגיע השמימה". מ'עסט מ'טרינקט מ'טאנצט מ'הוליעט און מ'לעבט א טאג אז עס קנאקט אין אלע הבלי הבלים'דיגע וועלטען. און פלוצים - ט־ר־ר־א־ך! וואס איז!? גאר ניט... עס האט זיך אויסגעלאזט עפעס א ווינטל און א גוטען בלאז געגעבען און האט א חורבן געמאכט אויף אזויפיעל און אזויפיעל מענשען און הייזער. איי וואו זיינען עפעס די סייענטיסטס, די חכמים וואס באריהמען זיך אז זיי האבען שוין אויך די נאטור אין זייער קעשענע? נו איהר זעהט דאר....

דער מאדערנער מענש האט א ווייטען בליק אזש ביז צום "מארס", ער וויל אויך וויסען וואס דארט טהוט זיך: און הויבט ניט אן צו וויסען וואס ס'טהוט זיך אונטער זיינע אייגענע פיס ווען די ערד גיט זיך א טרייסל און מאכט אן עק צו זיינע חלומות. ער ווייס ניט וואס ס'טהוט זיך איבער איהם ווען דער שטורם גיט א בלאז און בלאזט איהם ארויס פון עקזיסטענץ.

אבער די אלע אומגליקען וואס האבען ערשט פאסירט זיינען פערהעלטניסמעסיג נור אזוי ווי א טראפען פון ים צו די שרעקליכע און מורא'דיגע זאווארוכעס וואס וועלען ארונטער געשיקט ווערען, מעגליך אין די באלדיגע צוקונפט.

מיר ליינען אין ברית חדשה די נבואה פון ר' שמעון הצדיק אין פעטרוס ב, קאפ. ג: "אין די לעצטע טעג וועלען קומען לצים מיט שפעטריי... און זאגען וואו איז די הבטחה פון זיין (משיח'ס) קומען?.... דער האר פארשפעטיגט ניט זיין הבטחה.... ער וויל אז אלע זאלען אומקעהרען צו תשובה און ניט פארלוירען געהן. דער טאג פון גאט וועט פלוצים קומען. דער הימעל וועט פארגעהן מיט א גרויסען רעש, די גרונדען וועלען פון היץ צושמאלצען ווערען און צוגעהן. די ערד און אלעם וואס איז דרין וועט פארברענט ווערען".... דערנאך זאגט ער דארט, וואס פאר אן ארט לעבען מיר דארפען פיהרען אום פון דעם שרעקליכען יום הדין געראטעוועט צו ווערען, נעמליך דורך דער אמונה אין הייליגען משיח ישוע, אין וועם, גאט'ס הבטחה איז פאלקאם ערפילט געווארען וואס ער האט אונז פארשפראכען דורך די הייליגע נביאים.

מ'שטיינס געזאגט. וואס קומט זיך אונז גאר ארויס פון אונזער ערדישער קאריערע ווען דאס גאנצע הבל־הבלים'דיג לעבען האט לחלוטין קיין ממשות ווען מיר האבען קיין פערבינדונג מיט דעם לעבעדיגען גאט דורך דעם לעבעדיגען משיח אלהי יעקב.

איהר ווערטהער לעזער וועט אפשר א ציה געבען מיט'ן אקסעל און א פרעג געבען, וואס האט דאס לגמרי צו טהון מיט ישוע המשיח? זאגען מיר אייך דא בפירוש, אז עס האט שוין גאר אסאך צו טהון מיט איהם. ווייל מיר זיינען זיכער אז די וואס גלויבען יא אין ישוע המשיח וועלען זיכער נצול ווערען פון דער שרעקליכער פערוויסטונג וואס וועט קומען אויף דער מענשהייט צוליעב די שרעקליכע זינד.

מיר לייענען אין 1טען טעסאלאניקער קאפיטעל 4: אז דער משיח וועט קומען צום צווייטען מאל פון הימעל מיט א שאלען פון שופר פון גאט, און אלע וואס זיינען געווען געשטארבען וועלען אויפשטעהן, און צוזאם מיט די לעבעדיגע וועלען זיי ארויפגעצויגען ווערען אין דער לופט און באגעגענען דעם הייליגען משיח אלהי יעקב. דארט וועלען זיי מיט איהם זיין פאר דריי און א האלב יאהר דורך וועלכע צייט די "עת צרה" פון ירמיה ל' וועט אויף דער וועלט דויערען. און אלע, סיי אידען סיי גוים וואס האבען ניט געגלויבט אין הייליגען משיח און זיינען דערפאר ניט ארויפגענומען געווארען בעפאר די עת צרה איז געקומען, וועלען דאמאלס אויף דער וועלט שרעקליכע צרות ליידען. מיר האבען דא קיין פלאץ צו בעשרייבען די פירכטערליכקייט פון יענער צייט, עס איז אבער גענוג צו פארמירען א בעגריף פון די איינציגע ווערטער וואס ישוע המשיח גיט אונז אנצוהערען מכח יענער צייט. ער זאגט אין מתתיהו כ"ד: "אזא צרה איז נאך ניט געוועזען זייט גאט האט די וועלט בעשאפען און ס'וועט אויך נאך דעם קיינמאל ניט זיין אזוי וואס".

ליעבער לעזער. עס איז כדאי פאר יעדען רעכטדענקענדען מענש נאך צו דענקען איבער דיעזער, מעגליך, זעהר נאהנטער צוקונפט, און יא גלויבען אין ישוע המשיח איידער עס איז נאך צו־שפעט.

## שבת אין תל־אביב

א שארפע מחלוקה איז ענטשטאנען צווישען אידען אין הייליגען ארץ ישראל. די אידען פון "תל־אביב" האבען, ווי עס צייגט זיך ארויס, קיין גרויסע הומרות געמאכט איבער שמירת שבת, האבען די ארטאדאקסען פון יפו אבגעהאלטען א גרויסע אספה, ביי וועלכער טויזענדער פרומע אידען האבען פראטעסטירט געגען די אידען אין תל־אביב.

די קאלאניע פון תל אביב איז, לויט די בעשרייבונגען, די שעהנסטע שטאדט אין ארץ ישראל, זי האט די מאדערנסטע אימפּרואוומענטס, האבען זיי אויך ווי געוועהנליך א מאדערנע שטעלונג צו דקדוקי מצוות פון די פרושים און ווילען פראקטיצירען א מאדערנע טאלעראנץ. האבען זיי ביי איין אספה אין דער תל אביב מוניסיפאליטי געפאסט א רעזאלוציע אז שבת דארף געהאלטען ווערען נור וואס אנבעטרעפט עפענטליכע טהאטען, ווי צ. ב. ש. אפען האלטען די געשעפטען אום שבת וכדומה. אט דאס האט ארויסגערופען א שטארקע ערביטערונג ביי די ארטדאקסען. זיי זאגען אז דאס איז א גרויסע בעליידיגונג געגען אידישקייט.

דאס איז אבער ניט די ערשטע אדער די לעצטע מחלוקה און רייסעריי ביי אידען אין ארץ ישראל, ווייל אידען סיי דארט סיי דא זיינען כצאן בלא רועה. דער סימן איז אז זיי האבען צופיעל רועים, און "כל יתר כנטול דמי". יעדער וואלט וועלען מושל בכיפה זיין, נו נו, איז עס אזוי ווי גאט בעקלאגט זיך דורך יחזקאל הנביא אין קאפ. ל"ד: "כה אמר ד' הוי רעי ישראל אשר היו רעים אותם הלוא הצאן ירעו הרעים. . . חי אני נאם ד' אם לא יען היות צאני לבז....ודרשתי את צאני מידם והשבתים מרעות צאן..." דארום מוזען אידען האבען זייער ריכטיגעם רועה.

אזוי לאנג ישראל וועט זיך פרעמד האלטען פון דעם הייליגען "רועה" וואס גאט האט פערשפראכען דורך יחזקאל הנביא אין קאפ. ל"ז, ביז דאמאלס וועלען אידען תמיד האבען מחלוקות און מלחמות אונטער איינאנדער. דארט זאגט גאט: "ורועה אחד יהיה לכלם ועבדי דוד מלך עליהם", וועלכעס מיינט ישוע המשיח וואס איז דער בן דוד דער רועה נאמן, וועלכער האט געגעבען זיין לעבען פאר דעם "שה פזורה ישראל". ווען ישראל וועט איהם אננעמען אלס זייער "רועה" וועלען זיי ניט מעהר האבען מחלוקת וועגען שבת און אנדערע מצוות ווייל ער באלעהרט יעדעם פון זיינע תלמידים דורך דעם רוח הקודש וויאזוי אבצוהיטען דעם דרך ד'.

מיר זאגען דאס ניט פון א טעארעטישען שטאנדפונקט, ניין, נייערט מיר געפינען אזוי אין ירמיה ל"א:

"הנה ימים באים נאם ד' וכרתי את בית ישראל ואת בית יהודה ברית חדשה. לא כברית אשר כרתי את אבותם ביום החזיקי בידם להוציאם מארץ מצרים אשר המה הפרו את בריתי ואנכי

THE SHEPHERD OF ISRAEL

PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

אני הוא הרעה הטוב יוחנן 10. 11

# רועה ישראל

והקמתי עליהם רעה אחד יחזקאל לד 23

א מאנאט׳ס בלאט צו ערקלעהרען צו ישראל דעם אמת׳דיגען משיח

SUBSCRIPTION PRICE
60 CENTS A YEAR

Published Monthly by the Williamsburg Mission to the Jews
27 Throop Avenue, Brooklyn, N. Y.

MAY, 1925.
VOL. VI No. 9.

## די ספירה טעג

דער אידישער מנהג צו צעהלען ספירה איז שוין זעהר אלט און דאך וויסען נישט די ספירה־צעהלער פון דעם גרויסען סוד וואס שטעקט אין דיזער מצוה.

דער מקור פון דער ספירה איז אין ויקרא כ"ג. דארט זאגט אונז גאט: "וספרתם לכם ממחרת השבת מיום הביאכם את עמר התנופה...." ד"ה, מ'זאל צעהלען פון צווייטען מארגען פון פסח 49 טעג און דער 50טער טאג זאל זיין שבועות און ברינגען א נייע מנחה צו גאט.

ס'איז פאראן איינינע אנדערע מצוות וואס זיינען אבהענגיג פון צעהלען ווי צ. ב. ש. ביי יובל הייסט עס אין ויקרא כ"ה: "וספרת לך שבע שבתת שנים שבע שנים שבע פעמים... וקדשתם את שנת החמשים שנה... יובל הוא..." ד"ה, אז די זיבען מאל זיבען יאהר דארף מען צעהלען.

און אין ויקרא כ"ג הייסט עס ביי די ריינינונג: "וספרה לה שבעת ימים ואחר תטהר". ד"ה, אז זי דארף צעהלען די זיבען טעג.

אבער ביי קיין איינציגע פון די אלע צעהלונגען האט מען ניט אזוי שטארק בעטאהנט דאס צעהלען טאקע בפועל, מיט'ן מויל, אזוי ווי ביי ספירה וואס אידען טהון. זיי צעהלען אויסדריקליך יעדען אבענד פאר גאנצע 49 טעג אונאונטערבראכען. אבער פארוואס?

איינינע באהויפטען אז די אורזאך פון דיזעם ספעציעלען מנהג פון צעהלען ספירה איז, ווייל דורך די ספירה־טעג זיינען איבער 12 טויזענד תלמידים פון ר' עקיבא אויסגעשטארבען אין א גרויסער מגפה ר"ל, וועלכעס איז אויך די אורזאך פון טרויער אין יענער צייט. עס איז אבער ניט אין גאנצען פארשטענדליך וואס דאס צעהלען האט לגמרי צו טהון מיט יענער מגפה?

כדי גרינדליך צו פארשטעהן די אורזאך פון דעם מנהג פון דעם בוכשטעבליכען צעהלען ספירה דארפען מיר זיך ערשט באקענען מיט אנדערע צוויי געבאטען וואס גאט האט אונז געגעבען. ערשטענס:

אין זעלבען אין־דער־פריה איידער מ'האט נאך אנגעהויבען צו צעהלען, האט מען באדארפט ברינגען דעם "עומר". ד"ה, א מעסטעל פון דעם ערשטען שניט פון גערשטען. און דעם "עומר" האט דער כהן באדארפט אויפהויבען צו גאט. "והניף את העמר לפני ד'." (ויקרא כ"ג) און צווייטענס:

אם ענדע פון צעהלען, אויף'ן 50טען טאג וואס איז שבועות, האט מען באדארפט ברינגען "בכורים". ד"ה, מאכען צוויי חלות געמישט מיט חמץ פון די ערשטע צייטיגע תבואה ווייץ, און דאס האט מען אויך באדארפט אויפהויבען פאר גאט.

מיינט איהר אפשר אז גאט האט דאס געהייסען טהון עפעס אזוי מיר־ניט דיר־ניט. אהן וועלכער אורזאך? געוויס ניט. נייערט עס שטעקט דרינען א גרויסער סוד וואס אידען וויסען ניט און דארפען עס דוקא זעהר נויטיג וויסען, ווייל עס איז שטארק פערבונדען מיט ישוע המשיח גופא. אדרבה הערט און פארשטעהט:

דארט אין ברית חדשה לייענען מיר אז פונקט אין יענעם פריה־מארגען, "ממחרת השבת", ווען דער כהן האט א־נעם געטהון דעם "עמר" און אויפגעהויבען צו גאט, פונקט דאמאלס איז ישוע המשיח אויפגעשטאנען פון קבר. ווייל געקרייציגט איז ער געווארען פרייטאג פאר פסח, וואס איז דאמאלס אויסגעפאלען אום ערב פסח, און זאנטאג, "ממחרת השבת" איז ער אויפגעשטאנען. דאס איז באשטעטיגט פון היסטאריע. דאס ציינט אונז, אז מיט'ן "לחם תנופה" האט גאט ב"ה אונז סימבאליש מרמז געווען אז ישוע המשיח וואס איז דאס "לחם החיים" וועט אויפגעהויבען ווערען פון קבר אין יענעם פריה־מארגען, און גאנצע 40 טעג נאך דער אויפערשטעהונג האט ער זיך אויפגעהאלטען מיט זיינע תלמידים און איז דאן ארויף אין הימעל. דיזע זאכען זענען בשטעטיגט געווארען פון מעהר ווי 500 אידען יראים ושלמים וואס האבען דאס געזעהן און דרויף עדות געזאגט. (קארינטער א, קאפ. ט"ו)

איצט קומען מיר צו דעם "לחם תנופה" די צוויי חלות וואס דער כהן האט באדארפט אויפהויבען צו גאט אום שבועות, האבען געמוזט זיין מיט חמץ, אזוי ווי עס הייסט דארט: "חמץ תאפינה". אין אלגעמיין האט קיין חמץ ניט געטארט געברענגט ווערען פאר א קרבן: "כי כל שאור... לא תקטירו אשה לד'". און פארוואס דא יא? אבער הערט און שטוינט:

אין מפעלות השלוחים קאפ. א' און ב' לייענען מיר, אז ישוע המשיח האט פערשפראכען זיינע תלמידים אזויבאלד ווי ער וועט ארויף אין הימעל וועט ער אויף זיי שיקען דעם רוח הקדש. און פלוצים, שבועות גאנץ פריה, ווען די לחם התנופה איז געפראוועט געווארען אין בית המקדש, איז עפעס איבערנאטירליכעס געשעהן. דער רוח הקודש איז טאקע איבער זיי געקומען און זיי האבען אנגעהויבען צו פערקינדיגען די בשורה טובה פון ישוע המשיח אין אלער האנד שפראכען צו אלער האנד שפרעכענדע מענשען. דער רוח הקודש האט אלעמען פעראייניגט, דעם איד און דעם גוי וואס האבען געגלויבט אין משיח, און קיין מחוצה איז מעהר ניט פאראן צווישען מענש און מענש, ווייל זייער אמונה אין גאט'ס ווארט דורך ישוע המשיח מאכט אלע גלייך. (מפעלות השליחים י')

איצט וועט איהר ליעבער לעזער שוין פארשטעהן אז די צוויי חלות רעפרעזענטירען אידען מיט גוים. דער חמץ סימבאליזירט די זינד פון ביידע, ווייל "כלנו כצאן תעינו..." (ישעיה נ"ג) און דורך'ן רוח הקודש וואס פיהרט צו דער אמונה הקדושה בישוע המשיח, ווערען זיי ביידע אויפגעהויבען צו א העכערער מדרגה, יא, צו דער העכסטער שטופע, נאהענט צו דעם סאמע הערץ פון גאט ב"ה: און ווערען קינדער גאטעס לנצח נצחים:

ווען מיר האבען שוין געזעהן די וואונדערבארע זאכען וואס עס האט פאסירט צווישען פסח און שבועות, נעמליך, אז ישוע המשיח איז אויפגעשטאנען פון טויט און איז נאהנט צו שבועות ארויף אין הימעל, און אלע זיינע גלויביגע תלמידים פון אלע צייטען ווערען דורך איהם אויך אויפגעהויבען צו א העכערע מדרגה, יא, ווען מיר האבען שוין דאס אלעם געזעהן, איז שוין מעהר קיין וואונדער ווארום מ'האט אזא גרויס געוויכט געלעגט אויף די טעג פון די גרעסטע פאסירונגען זייט די וועלט שטעהט, און מ'צעהלט ספירה יעדען טאג פון פסח ביז שבועות. פון דעם טאג אז וואס מ'האט אויפגעהויבען דעם עמר וואס סימבאליזירט די אויפערשטעהונג פון ישוע המשיח ביז צו דעם 50טען טאג ווען מ'האט אויפגעהויבען די צוויי חלות וואס סימבאליזירען דאס דורך דעם ארויפגעהן פון ישוע המשיח אין הימעל, איז דער רוח הקודש געקומען און האט פעראורזאכט דאס אויפהעבען די מענשהייט, סיי איד סיי גוי, צו גאט ב"ה. אוי וואסערע טייערע טעג דאס זיינען!

מיר גלויביגע אין ישוע המשיח צעהלען אויך עפעס אזא מין ספירה יעדען טאג. מיר האפען אז ישוע המשיח וועט באלד קומען צום צווייטען מאל און וועט זיין דער מלך היהודים. עס איז נור א

Entered as second class matter April 14, 1922 at the Post Office at Brooklyn, N. Y., under the Act of March 3, 1879.